**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/20/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול אנאנסירט איינקויף פון 1,175 עיקערס אויפ׳ן רענעסעלער פלאטאו**

***צוגאב צו פיטסטאון סטעיט וואלד באשיצט טרונק-וואסער סופליי און קריטישע באשעפעניש וואוין-ערטער, פארשטערקערט פארוויילונגס געלעגנהייטן, און שטיצט שטאנדהאפטיגע וואלד פארוואלטונג***

***בילד פון רענעסעלער פלאטאו א דאנק נעיט סימס צו באקומען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט געמאלדן [די](#) קביעות׳דיגע באשיצונג פון 1,175 עיקערס פון וואלד שטחים הארט נעבן [פיטסטאון סטעיט וואלד](#) אויפ׳ן רענעסעלער פלאטאו אין דעם טאון גרעפטאן. דער לעצטיגער איינקויף פון דעם רענעסעלער פלאטאו פארבאנד, אויסגעמאלדן אלס טייל פון ניו יארק סטעיט׳ס ׳ערד וואך׳ פייערונג, וועט טאפלען די גרויסקייט פון דעם פיטסטאון סטעיט וואלד, אפהיטן קריטיש-וויכטיגע אפענע-לופט ערטער, און פארברייטערן פארוויילונגס געלעגנהייטן צו שטיצן די ארטיגע עקאנאמיע.

״ניו יארק סטעיט איז לעיסער פאקוסירט אויף אפהיטן און פארשטערקערן אפענע-לופט ערטער, און דער רענעסעלער פלאטאו, בלויז א קורצע שטרעקע פון דעם קאפיטאל, גיבט אן אויג-פארכאפנדע אפענע-לופט ארט אויף זיך אוועקצוכאפן פון אלבאני׳ס שפרודלדיגע דאונטאון געגנט,״ **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** ״דער היינטיגער צוגאב צו דעם פיטסטאון סטעיט וואלד, איבער טאפלט איר פריערדיגע גרויסקייט, וועט געבן ברייטערע אפענע-לופט פארוויילונג מעגליכקייטן פאר ארטיגע איינוואוינער און באזוכער און גלייכצייטיג באשיצן ווערדפולע אפענע-לופט ערטער און אייגנארטיגע וועטלענד קאמיוניטיס וועלכע גיבן דעם רענעסעלער פלאטאו איר אייגנשאפט.״

איבער 900 עיקערס פון דעם אפקויף זענען פריער באזיצט געווען דורך דער גונדרום פאמיליע, אייגנטימער פון גונדרום לאָגינג און לאָמבער. רענעסעלער פלאטאו פארבאנד (RPA) האט אפגעקויפט 927 עיקערס פון ריינארד גונדרום אין 2016, און שפעטער געקויפט נאך 248 עיקערס פון דערנעבנדע לאנד-שטח אין דריי באזונדערע טראנזאקציעס מיט אנדערע פראָפערטי אייגנטימער מיט שטיצע פון דעם קאנסערוועישן פאנד.

די פראָפערטיס זענען געווען פריאריטעט איינקויפונגען אונטער סיי דער ניו יארק סטעיט אָפּען ספּעיס פלאן און סיי דער רענעסעלער פלאטאו ראיאנישע קאנסערוועישן פלאן. DEC האט אפגעקויפט די שטחים פון RPA פאר 894,000 דאלער ניצנדיג געלטער פונ׳ם סטעיט׳ס ענווייראנמענטאלע אפהיט פאָנד (EPF). צווישן [די פילע ענווייראנמענטאלע זיגן אין דעם 2022-23 סטעיט בודזשעט](#), האט גאווערנער האָקול באוויזן דורכצופירן אן אויפשטייג אין דעם EPF פון 300 ביז 400 מיליאן דאלער, די העכסטע מאס פינאנצירונג אין די היסטאריע פון דעם פראגראם. דער EPF שטיצט דאס לינדערן און

צופאסן קעגן קלימאט ענדערונג, פארבעסערט אגריקולטורעלע מיטלען צו העכערן שטאנדהאפטיגע אגריקולטור, באשיצט אונזערע וואסער קוועלער, פירט פאראויס אפהיט באמיאונגען, און שטעלט צו פארוויילונגס מעגליכקייטן פאר ניו יארקער. דער בודזשעט האט אויך געהאלפן ערפילן דעם גאווערנער׳ס פארשפרעכונג צו פארבעסערן דעם סטעיט׳ס וועטלענדס באשיצונג פראגראם, באשיצן אן אפגעשאצטע איין מיליאן צוגעלייגטע עיקערס פון אומבאשיצטע וועטלענדס באשפעניש וואוין-ערטער און העלפן ניו יארק זיך צופאסן צו מער פלייצונגען און שווערע שטורעמעס געטריבן דורך קלימאט ענדערונג.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״אזוי ווי גאווערנער האוקול׳ס לעצטנסדיגע ענווייראנמענטאלע בודזשעט צייגט, איז ניו יארק סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט צו אפהיטן די אומבארירטע נאטורליכע ערטער אויף אונזער שוועל פון טיר שטערקער ווי אלעמאל. DEC באהיט די פראָפערטיס אלס שטאנדהאפטיגע וועלדער מיט גאנץ-יעריגע פארוויילונגס מעגליכקייטן פאר אלע ניו יארקער. מיר זענען דאנקבאר פאר דער רענעסעלער פלאטאו פארבאנד, דער קאנסערוועישען פאנד, די גונדרום פאמיליע, און DEC ראיאנישע וואלד פארוואלטער ביל שאנגאר פאר א מיטגעטיילטע וויזיע אויף איינצושאפן די שטחים און פארזיכערן אז זיי בלייבן אפגעהיטן.״

**סטעיט סענאטארקע דאפנע דזשארדען האט געזאגט,** ״מענטשן, באשעפענישן און זייערע קומענדע דורות קענען זיך פריין אז נאך 1,175 עיקערס פון דער רענעסעלער פלאטאו וועלן זיין בקביעות באשיצט אלס א צוגאב צו דעם פיטסטאון סטעיט וואלד. דער שטח איז דער היים ארט פון וואלד און וועטלענד עקא-סיסטעמען, וועלכע שטיצן פילע חיות, פויגל און פלאנצונגען. עס גיבט אויך שטראמען וועלכע שאפן דער וואסער סופלייַ צו דעם טאמהאנאק רעזערוואר פאר 135,000 מענטשן אין רענעסעלער קאונטי. קאנגראטולאציעס צו דעם רענעסעלער פלאטאו פארבאנד פאר זייער ווייטן בליק און די חשק צו שאפן אן ערד-שטח אפהיט פראיעקט, וועלכע באשיצט באשפעניש וואוין-ערטער, בליק-אפשיידן, וואסער סופליי און גיבט הייקינג און אפנלופטיגע פארגעניגנס פאר יעדן, א ווירקליכקייט. דאס איז אן אויסגעצייכנטע ביישפיל פון וואס מען קען אויפטון מיט א גרופע פאראינטערעסירטע מענטשן, דער קאנסערוועישען פאנד און דער סטעיט׳ס ענווייראנמענטאלע אפהיט פאָנד.״

**דזשים באנסטיל, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון דער רענעסעלער פלאטאו פארבאנד, האט געזאגט,** ״עס פריידט אונז זייער צו שפילן א ראלע אין אפהיטן דעם ערד-שטח. מיר זענען אזוי דאנקבאר צו דעם גונדרום פאמיליע פאר זייער בליק פון אפהיטן דעם ערד-שטח פאר צוקונפטיגע דורות און פאר ביישטייערן א טייל פון דער פראָפערטי אלס טייל פון א מציאה פארקויף כדי עס צו העלפן ערמעגליכן. מיר שעצן אונזער שטארקע צוזאמארבעט מיט DEC און דער קאנסערוועישען פאנד, אן וועמען מיר וואלטן דאס נישט געקענט טון.״

**טאם דופוס, וויצע פרעזידענט און נארט-איסט פארשטייער פאר דער קאנסערוועישען פאנד, האט געזאגט,** ״לאנד-שטח אפהיט פאדערט צייט און געטרייע צוזאמארבעטער אויף איינצופילן דעם חסרון כדי אז דער רעזולטאט, ווי דא ביי פיטסטאון סטעיט וואלד הארט נעבן דעם אלבאני קאפיטאל דיסטריקט, קען צושטעלן מערערע מעלות פאר דערנעבנדע קאמיוניטיס און פאר׳ן סביבה. וועלדער באזארגן אונז מיט אזוי פיל העכסט-נייטיגע אייגנשאפטן — ריינע וואסער און לופט, פארוויילונגס מעגליכקייטן און הילצריי דזשאָבס — און מיר וועלן ווייטער ארבעטן געמיינזאם מיט רענעסעלער פלאטאו פארבאנד און DEC צו באשיצן נאך אקטיווע וואלד שטחים אין דעם געגנט.״

**ריינארד גונדרום דזשוניאר, וועמענס פאמיליע האט פארקויפט דעם שטח, האט געזאגט,** ״נאך 30 יאר פון הילצריי אין דעם ערד-טייל ווען עס איז נאך געווען א טייל פון מיין פאמיליע׳ס וועלדער, בין איך שטענדיג געווען טריי דעם אידעע אז דער גרעפטאן וואלד זאל בלייבן אן אקטיווער וואלד, און מיין פרעפערענץ איז געווען צו געטרויען ניו יארק סטעיט מיט׳ן צוקונפט פון דער ערד-שטח. מיר האבן געפירט הילצריי אויף סטעיט שטחים שוין צענדליגע יארן און מיר האבן אויסגעצייכנטע באציאונגען מיט

DEC׳ס ארטיגע וואלד פארוואלטער. איך האב געוואוסט אז דער סטעיט — דורך איר ארטיגע וואלד פארוואלטער — וועלן פאסיג אויסהאלטן דעם וואלד שטח.״

די געוועזענע גונדרום שטחים רעכענען אריין באדייטנדע נאטורליכע ערטער אידענטיפיצירט אין דעם רענעסעלער פלאטאו ראיאנישע קאנסערוועישען פלאן, אריינגערעכנט עטליכע וויכטיגע וועטלענד עקא-סיסטעמס. עס איז אינערהאלב דעם גרעסטן אומבארירטן וואלד אויפ׳ן פלאטאו און אנטהאלט הונדערטער עיקערס פון הויכע קוואליטעט וואלד עקא-סיסטעמס וועלכע זענען א היים ארט פאר פארשידענע ערליי באשעפענישן ווי למשל מוס, באָבקעט, שווארצע בער און פילע זגאלן פון ים-באשעפענישן, שלענג און פויגל. שטראמען וואס פירן פון דער לאנד-שטח גיבן ריינע וואסער צו דעם טאמהאנאק רעזערוואר, דער טרונק-וואסער סופליי פאר 135,000 מענטשן אין טראוי, איסט גרינבוש, נאָרט גרינבוש, פאעסטענסקיל און ברונסוויק. פילצאליגע שטיינערנע פעלזן גיבן אויג-פארכאפנדע בליקן פון דעם צפון הודסאן וואלי, אדיראנדעקס און גרין מאונטענס.

דער [רענעסעלער פלאטאו פארבאנד] ארבעט מיט דער קאמיוניטי צו שטיצן און פארמיטלען דאס אפהיטן די פלאטאו׳ס וועלדער און וויכטיגע באשעפעניש ערטער. א פארבאנד פון פארשידענע ערליי ארגאניזאציעס און יחידים, וועלכע האבן א געמיינזאמע וויזיע אז 100 יאר פון היינט בלייבט דער פלאטאו א גרויסער וואלד וואס באזארגט נאך גענוג ריינע וואסער פאר טויזנטער מענטשן, וואוין-ערטער פאר באשעפענישן, שטיצע פאר דער ארטיגער עקאנאמיע און פילע אנדערע מעלות.

[דער קאנסערוועישען פאנד] איז א נאציאנעלע נאן-פראפיט איבערגעגעבן צו מאכן ארבעטן קאנסערוועישען פאר אמעריקע. דורך שאפן לייזונגען וואס מאכן ענווייראנמענטאלע און עקאנאמישע זין טוט דער פאנד ווידער-אויסטייטשן דעם מיינונג פון קאנסערוועישען, צו דעמאנסטרירן איר נויטיגע ראלע אין אונזער צוקונפטיגע אויפבליאונג. דורך איר ארבעטנדע וועלדער פאנד צילט עס צו פערמאנענט קאנסערווירן פינף מיליאן עיקערס פון ריזיקירטע ארבעטנדע וועלדער צו לינדערן קלימאט ענדערונג, פארשטערקערן רורעל עקאנאמיעס, און באשיצן נאטורליכע עקא-סיסטעמען. דער פאָנד, וואס איז העכסט-ראנקירט פאר ווירקזאמקייט, האט געטון ארבעט אין אלע 50 סטעיטס זינט 1985 אפצוהיטן מער ווי אכט מיליאן עיקערס פון ערד-שטחים, אריינגערעכנט באלד 493,000 עיקערס אין ניו יארק.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן]